Publié par la Maison de la culture yiddish - Bibliothèque Medem, avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française & de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 17, נומער 3 (83)

ניסן תּשע"ב/אַפּריל 2012

# ייִדישע אוטאָפּיעס

## אַ נײַער סעזאָן אינעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער










צי וואָלט איר געווען גרייט צו פֿאַרלאָזן אײַער היים און פֿאָרן זיך באַזעצן אין עק וועלט, אין אַ מידבר[1] אָדער צווישן בלאָטעס[2] און מאָסקיטן ? פּונקט[3] דאָס האָבן געטאָן ייִדישע קאָלאָניסטן פֿון 19טן י"ה[4] אָן, פּרוּווּנדיק געפֿינען אַ בעסער לעבן פֿאַר זיך און פֿאַר זייערע קינדער. וועגן די דאָזיקע אַוואַנטורעס דערציילט די נײַע אויסשטעלונג[5] פֿונעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק (פֿון מאַרץ ביז יוני 2012). די טאָוולען[6] דערציילן וועגן פֿאַרשיידענע פּראָיעקטן פֿון ייִדישער קאָלאָניזאַציע – אין קרים[7] (אוקראַיִנע) פֿון 19טן י"ה אָן, אין בירָאבידזשאַן אין די סאָוועטישע צײַטן, אין אַרגענטינע, ארץ־ישׂראל[8], צי אַנדערע ערטער ווי אויסטראַליע צי סורינאַם. מע קען אויך באַקוקן ביכער און אָריגינעלע דאָקומענטן (פּלאַקאַטן[9], צײַטונגען, בריוו) פֿון בירָאבידזשאַן און מאָזעסוויל[10] (אַ ייִדישע קאָלאָניע אין אַרגענטינע). אַן אויסגעברייטערטע[11] ווערסיע פֿון טעקסטן און גראַפֿישן מאַטעריאַל פֿון דער אויסשטעלונג געפֿינט זיך אינעם קאַטאַלאָג *ייִדישע אוטאָפּיעס*. אַרום דער אויסשטעלונג איז פּראָגראַמירט געוואָרן אַ גאַנצער סעזאָן אַקטיוויטעטן, ווי רעפֿעראַטן[12], קאָנצערטן און פֿילם־פּראָיעקציעס.

1. MIDBER désert 2. marécages/swamps/ביצות 3. précisément/exactly/בדיוק 4. יאָרהונדערט siècle/century/מאה 5. exposition/exhibition/תערוכה 6. panneaux/panels/לוחות 7. Crimée/Crimea 8. ERETS-YISROEL Palestine 9. affiches/posters/כרזות 10. Moisés Ville 11. élargi/broader/מורחב 12. conférences/lectures/הרצאות.

טײַערע לייענערס,

אין דעם נומער וועט איר באַמערקן אַן ענדערונג – פֿון צוויי־שפּראַכיקע פֿוסנאָטעס זענען מיר איצט אַריבער אויף דרײַ־שפּראַכיקע. דאָס האָבן מיר געטאָן צוליב אונדזערע פֿרײַנד אין ישׂראל וואָס לערנען זיך ייִדיש. נײַע לייענערס, מיר באַגריסן אײַך גאָר האַרציק און וואַרטן אויף אײַערע אָפּרופֿן !



# אַ רײַזע אין אַרגענטינע
# פֿון ווינטער ביז זומער און צוריק

פֿון רובי מאָנעט








ווען ווינטער קומט אָן ווילט זיך מיר אַנטלויפֿן – פֿון קעלט און גרויקייט און אויך פֿון די סוף־יאָר־פֿײַערונגען[1] – ווען צו פֿאַרבעטן אויף שׂימחות[2], וואָס צו קאָכן, וואָס פֿאַר אַ מתּנות[3] צו קויפֿן, דאָס גאַנצע משוגעת[4]... אַזוי אַרום, ווען מײַן טאָכטער האָט אַ זאָג געטאָן, אַז זי וויל אַ מאָל פֿאָרן אין בוענאָס־אײַרעס, האָב איך זיך גלײַך אָנגעכאַפּט אין דער אידעע. וואָס עפּעס „אַ מאָל“ ? פֿאַר וואָס ניט איצט ? אַזוי איז געבוירן געוואָרן אונדזער רײַזע אין אַרגענטינע.

## העלאָ ניו־יאָרק !

אָנגעהויבן האָט עס זיך אָבער מיט אַ רײַזע קיין ניו־יאָרק, ווו איך האָב זיך געטראָפֿן מיט דער טאָכטער. נאָך נישט פּטור געוואָרן[5] פֿון ווינטער. אין ניו־יאָרק, ווי געוויינטלעך, גייט מען אין קינאָ, אויף אויסשטעלונגען, דער עיקר[6] זעט מען זיך מיט פֿרײַנד און מען עסט. איין אָוונט גייט מען אינעם „בעסטן דעלי“ (אַ קירצונג פֿון „דעליקאַטעסן“) אין ניו־יאָרק (יעדער ניו־יאָרקער האָט זיך, פֿאַרשטייט זיך, זײַן „בעסטן דעלי“) צו פֿאַרזוכן ייִדישע מאכלים[7] : פּאַסטראַמי און פּיקלפֿלייש, מיט זויערע אוגערקעס, מיט קרעפּלעך, מיט קנישעס[8], מיט אַ גאַנצער שיסל גריווענעס[9], מיט אַ קרופּניק[10] אָדער אַ יויך מיט קניידלעך[11] (דאָ איז איצט אַ מאָדע צו געבן נישט קניידלעך נאָר איין ריזיקן[12] קניידל וואָס זיצט אין מיטן טעלער ווי אַ ווײַסער אינדזל אין מיטן אַן אָזערע[13] – מיר זעט עס אויס גאָר מאָדנע !).

מע געזעגנט זיך מיט ניו־יאָרק און מע פֿליט אַוועק צו דרום[14].
אַ לאַנגער פֿלי, ביז סאַנטיאַגאָ דע טשילי, ווו מע בײַט דעם אַוויאָן.
אַ צווייטער פֿלי, דאָס מאָל איבער די אַנדן־בערג[15]. די פּאַנאָראַמע איז גראַנדיעז. מיר הייבן אָן אַראָפּנעמען פֿאָטאָס. מיט אַ 15 שעה[16] שפּעטער לאַנדן מיר אין בוענאָס־אײַרעס, מיד נאָר צופֿרידן. ערשטע אײַנדרוקן : ס׳איז גרויס, זייער צעשפּרייט. צווייטנס, ס׳איז גרין, פֿול מיט גרויסע ביימער. דריטנס, ס׳איז טאַקע הייס, אַ מחיה[17] !

## ¡ אָלאַ בוענאָס־אײַרעס !

אָנגעקומען אין האָטעל טוען מיר זיך אָן זומערדיק, כאַפּן אַ שטאָטמאַפּע און שפּרײַזן אַרויס צו באַקענען זיך מיטן קוואַרטאַל – אַ שיינע געגנט, אַ יונגע און אַ לעבעדיקע, וואָס הייסט „סאָהאָ“, ווי אין לאָנדאָן אָדער ניו־יאָרק. מיט אַ מאָל דערזעט מען אַ גרויסן חנוכּה[18]־לאָמפּ, אויפֿגעשטעלט פֿון חב״ד[19]. אויך דאָ איז דער חב״ד אַקטיוו.
מיר בלײַבן אַ וואָך אין בוענאָס־אײַרעס – אַ חודש[20] וואָלט ניט געווען איבעריק. דאָס איז נישט קיין שטאָט, ס׳איז אַ וועלט. יעדער קוואַרטאַל האָט אַן אַנדער כאַראַקטער. יעדע גאַס האָט אַן אַנדער שטימונג. אָט באַלד וואָס מע טראַכט ס׳איז אַזוינס, גייט מען אַ טראָט ווײַטער, טראַכט מען שוין פֿאַרקערט. אַ פּאָר מאָל אַ טאָג כאַפּ איך זיך טראַכטנדיק אַז אָט דאָס איז מיר באַקאַנט, איין אָרט איז גענוי ווי ניו־יאָרק, אַן אַנדערס ווי ברוקלין. איין מאָל טראַכט איך – באַרצעלאָנע. ווייניק וואָס דערמאָנט פּאַריז. די הײַזער זעען

1. sof- ... fêtes de fin d’année/new year celebrations/חגיגות סוף השנה האזרחית 2. simkhes fêtes/parties/מסיבות 3. matones cadeaux/gifts 4. meshuga's folie/madness/שיגעון 5. poter ... pas encore débarrassé/not yet rid of/עוד לא נפטרתי 6. ... iker surtout/mostly/בעיקר 7. maykholim spécialités/dishes 8. pâte farcie de purée ou viande/sort of bun with meat or potato filling/בצק במילוי תפו״א או בשר 9. morceaux frits de peau de poulet ou oie/bits of fried chicken or goose skin/חתיכות מטוגנות של עור תרנגולת או אווז 10. soupe d’orge/barley soup/מרק שעורה 11. bouillon avec boulettes de pâte/chicken broth with dumplings/מרק צח עם קניידלך 12. énorme/huge/ענקי 13. lac/lake/אגם 14. dorem sud/south 15. Andes/הרי האנדים 16. sho heures/hours 17. mekhaye plaisir/pleasure/תענוג 18. kha'nike Hanouca/Hanukkah 19. khaba'd courant hassidique (Loubavitch)/Hasidic group (Lubavitch) 20. khoydesh mois/month








אויס אייראָפּעיִש נאָר די מענטשן זײַנען ווי אַמעריקאַנער, ווי ניו־יאָרקער. אַ סך טומל. אַ סך ענערגיע. נאָר ס'איז טשיקאַווע[21], איין מאָל צוריק אין ניו־יאָרק, קוק איך זיך אַרום און פֿרעג זיך : פֿאַר וואָס האָב איך אַזוי געטראַכט ? גאָרנישט דאָ דערמאָנט מיר אין בוענאָס־אײַרעס. מאָדנע.

אַ פּאָר הויכפּונקטן פֿון דער רײַזע :

- די שיינע פּאַרקן און ברייטע אַלעען מיט אומבאַקאַנטע און ווונדערלעכעביימער ;
- די „קאָנפֿיטעריאַס“, גרויסע קאַפֿעען ווו מע טרינקט קאַווע (טאַקע גוטע) און מען עסט, צווישן אַנדערע מאכלים, געשמאַקע „עמפּאַנאַדאַס“ (אַ ספּעציאַליטעט ענלעך צו פּיראָגעס[22]).
- די געגנט „סאַן טעלמאָ“ מיט אַ גרויסן מאַרק (האַלב פֿליימאַרק[23] האַלב סוווענירן) מיט קאַפֿעען ווו מע זיצט אונטער אַ וואַרעמער זון און מע הערט טאַנגאָ.
- דער טאַנגאָ, וואָס איז דאָ טאַקע אומעטום, אין פֿאַרשיידענע פֿאָרמען, גרויסע ספּעקטאַקלען וואָס קאָסטן טײַער און זעען אויס אַ ביסעלע ווי „געמאַכט אין האָליווּד“, אַ קאַפּעליע מיט אַ זינגער אין מיטן גאַס, אָדער די אמתע[24] טענצער, אַמאַטאָרן, וואָס טרעפֿן זיך אין געוויסע „קאָנפֿיטעריאַס“ און טאַנצן פֿאַר זייער אייגן פֿאַרגעניגן.
- דאָס געבראָטענע פֿלייש „פּאַריזשאַדאַ“[25], וואָס אַלע האָבן אונדז געזאָגט אַז עס איז דאָס בעסטע אויף דער וועלט. ס'איז אמת. אַ יונגער אַרגענטינער וועמען מיר האָבן געפֿרעגט פֿאַר וואָס, האָט געענטפֿערט גאַנץ לאָגיש : „ווײַל מיר האָבן די גליקלעכסטע בהמות[26]“ !
- דער מײַ־פּלאַץ[27], ווו די מאַמעס פֿון די „פֿאַרשוווּנדענע“ אין די רדיפֿות[28] פֿון דער דיקטאַטור 1976–1983 דעמאָנסטרירן נאָך, אַלע דאָנערשטיק 3 אַ זייגער, שוין 30 יאָר.

## אויף דער ייִדישער גאַס

אַ טור איבער דעם ייִדישן בוענאָס־אײַרעס, אַ קהילה[29] פֿון אַרום 200 000 מענטשן, די גרעסטע אין דרום־אַמעריקע, די מערהייט נאָך אַלץ אַשכּנזים[30], כאָטש די ספֿרדים[31] האַלטן אין וואַקסן. דער אָנפֿירער איז אַ יונגער־מאַן – אַ געבוירענער דאָ אין שטאָט און אַ לערער פֿון געשיכטע אין אַ ייִדישער שולע. ער גיט צו פֿאַרשטיין, שמייכלענדיק, אַז ער אַליין איז האַלב ספֿרדיש האַלב אַשכּנזיש און נישט קיין פֿרומער. נאָר מיר באַזוכן יאָ צוויי פֿון די פֿינף שולן[32] וואָס זײַנען נאָך אַקטיוו. ווען מע קען זיי נישט פּערזענלעך איז שווער אַרײַנצוגיין אין די שולן – אַפֿילו[33] מיטן אָנפֿירער זײַנען די זיכערקייט־מיטלען זייער שטרענג. מיר באַקוקן די ערטער פֿון די צוויי גרויסע אַנטיסעמיטישע אַטענטאַטן, קעגן דער אַמבאַסאַדע פֿון ישׂראל[34] אין 1992 און דער „אַמיאַ“[35] אין 1994, ווו אַזוי פֿיל מענטשן זײַנען אומגעקומען און וואָס מע ווייס ניט ביז הײַנט ווער עס זײַנען די שולדיקע. אַלע ייִדישע אינסטיטוציעס זײַנען איצט אַרומגערינגלט מיט שטאַרקע מויערן. אין „אַמיאַ“ קען מען ניט אַרײַן, אָבער איך וויל אומבאַדינגט זען דעם אַרגענטינער ייִוואָ[36]. דער אָנפֿירער איז סקעפּטיש – זיי האָבן נישט געענטפֿערט ווען ער האָט אָנגעקלונגען. איך שפּאַר זיך אײַן. מיר קומען אָן, מיר קלינגען אין דער טיר – גאָרנישט. נאָך אַ לאַנגן מאָמענט הערט מען אַ קול[37] – איך שרײַ אַרײַן, אויף ייִדיש, ווער מיר זײַנען און וואָס מיר ווילן. די טיר עפֿנט זיך – אַ שפּאַלט – און אַ פֿרוי זאָגט אונדז אַז אַלע זײַנען אַוועק (סוף־יאָר־וואַקאַציעס !), זי איז די לעצטע און זי פֿאָרט אַוועק מאָרגן. אָבער זי נעמט אונדז אויף, (אָן דעם ייִדיש רעדן וואָלט זי מסתּמא[38] נישט געעפֿנט), ווײַזט אונדז דעם ביוראָ, די קאַרטאָנען אַלטע ביכער, אַ גאַנצע פּאָליצע מוסטערווערק[39], ווי בײַ אונדז אין מעדעם־ביבליאָטעק. זי גיט אונדז אַ פּאָר „רעקוערדאָס“[40] (אַ מאָל מישט זיך אַרײַן אַ וואָרט אויף שפּאַניש) פֿון דער אָרגאַניזאַציע... אַ לעצטער שפּאַציר אַרום די געסלעך פֿונעם אַלטן ייִדישן פלעצל „אָנסע“[41], זייער ענלעך צו דער ניו־יאָרקער „לאָער איסט־סײַד“, קליינע קראָמען, קליינע רעסטאָראַנען, עטלעכע כּשרע[42] נאָר די מערהייט שוין ניט ייִדישע, ווי די מענטשן, פֿרישע אימיגראַנטן פֿון פּערו, געקומענע צו געפֿינען אַרבעט. מיר האָבן געזען דעם אַלטן ייִדיש־פֿאָלקסטעאַטער, הײַנט שפּילט מען אויף שפּאַניש, נאָר ס'בלײַבט אַ גרויסער וואַנטגעמעל[43] און אויפֿשריפֿטן וואָס דערמאָנען זײַן געשיכטע. גענוי ווי „סעקאָנד עוועניו“ אין ניו־יאָרק.

איין טענה[44] – די טראָטואַרן[45] פֿון בוענאָס־אײַרעס – אַ שרעק ! צעבראָכענע, מיט לעכער, מיט ביימער־וואָרצלען וואָס שטעקן אַרויס פֿון צווישן די ברוקשטיינער[46]. מע דאַרף שטענדיק קוקן ווו מע שטעלט אַ פֿוס, אַניט קען מען צעברעכן האַלדז און נאַקן[47].

אַ צווייטע טענה – אַרויסגעפֿאָרן אויף אַ פּאָר עקסקורסיעס ווײַט פֿון דער שטאָט, נאָר נישט געזען קיין איין גאַוטשאָ... אַ פּראָטעסט וואָלט מען געדאַרפֿט שרײַבן צום טוריזם־מיניסטעריום !

## נײַיאָר אין אורוגווײַ

מיר האָבן געוואָלט אַרײַנכאַפּן נאָך אַ לאַנד, טאָ ווו פֿאָרט מען אין בלויז צוויי וואָכן צײַט ? פּונקט אַנטקעגן ליגט אורוגווײַ, אויף יענער זײַט „ים[48]“ (איך זאָג ים כאָטש איך ווייס אַז ס'איז אַ טײַך, דער „ריִאָ

[סוף זײַט 8]

21. curieux/curious/מוזר 22. chaussons à la viande/stuffed meat patty/כיסונים ממולאים 23. marché aux puces/flea market/שוק פשפשים 24. E'MESE véritables/real/אמיתיים 25. *parrillada*, assortiment de viandes rôties/Argentine «barbecue»/בשרים צלויים 26. BEHEYMES vaches/cows/פרות 27. Plaza de Mayo 28. REDIFES persécutions 29. KEHILE communauté/community 30. ASHKENAZIM ashkenazes/Ashkenazic Jews 31. SFARDIM sépharades/Sephardic Jews 32. *ici/here* synagogues/בתי־כנסת : כאן 33. AFILE même/even 34. YISROEL Israël 35. AMIA Asociacion Mutual Israelita Argentina 36. YIVO Institut de recherche juive/Institute for Jewish Research 37. KOL voix/voice 38. MISTOME probablement/probably/מן הסתם 39. œuvres choisies de la littérature yiddish (en 100 volumes)/selected works of Yiddish literature (100 volumes)/(במאה כרכים) מבחר כתבים מספרות יידיש 40. souvenirs (esp./Span.)/(ספרדית) מזכרות 41. *Once*, quartier juif historique/old Jewish quarter/רובע יהודי היסטורי 42. KO'SHERE cachères/kosher/כשרים 43. peinture murale/mural/ציור קיר 44. TAYNE reproche/complaint 45. trottoirs/sidewalks/מדרכות 46. pavés/paving stones/מרצפות 47. se rompre le cou/break your neck/לשבור את הראש 48. YAM mer/sea

עוויטאַ וויעצקי איז אַ יונגע פֿאָרשערין[1], אַ געבוירענע אין פּוילן, וואָס וווינט איצט אין מינכן[2]. זי אַרבעט איבער אַ דאָקטאָראַט וועגן דער געשיכטע פֿון ייִדישע שולביכער.




# „איך וווין אין ווישאַ קרעספּאָ, קאָריענטעס...“[3]

## ייִדישע לערנביכער פֿון אַרגענטינע

### פֿון עוויטאַ וויעצקי

ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט ייִדיש, ווייס, אַז בוענאָס־אײַרעס געהערט צו די וויכטיקסטע צענטערס פֿון דער ייִדישער שפּראַך און קולטור פֿונעם 20סטן יאָרהונדערט. מיר געדענקען די אַפֿישן[4] פֿון ייִדישן טעאַטער דאָרטן און מיר קענען די הונדערט בענד פֿון די „מוסטערווערק“[5], פּובליקירטע דאָרטן צווישן די פֿופֿציקער און אַכציקער יאָרן. אויך פֿאַר ייִדיש־לערנביכער איז אַרגענטינע (מיט אַנדערע דרום[6]־אַמעריקאַנער לענדער) געווען אַ וויכטיק אָרט. פֿון 1932 אָן האָט מען אין בוענאָס־אײַרעס פּובליקירט אַן ערך[7] פֿופֿצן פֿאַרשיידענע לערנביכער, עטלעכע פֿון זיי אין מערערע אויפֿלאַגעס[8].

### ייִדיש־לערנביכער אויף דער גאָרער וועלט

וועלטלעכע[9] ייִדיש־לערנביכער האָט מען אַרויסגעגעבן אויף דער גאָרער וועלט. ביז אַהער האָב איך געפֿונען 350. די אָנהייבן זענען געווען אין מיזרח[10]־אייראָפּע בײַם סוף פֿונעם 19טן יאָרהונדערט, נאָר צו ערשט זענען אַרויס נאָר איינצלנע[11] ביכער. ערשט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה קומט אין פּוילן, ליטע און ראַטן־פֿאַרבאַנד[12] דער אויפֿבלי[13] פֿון שולן מיט ייִדיש ווי די לערנשפּראַך און מיט דעם – דער אויפֿבלי פֿון די ייִדיש־לערנביכער. ביזן חורבן[14] בלײַבט מיזרח־אייראָפּע דער גרעסטער דרוקצענטער פֿון ייִדישע לערן־מאַטעריאַלן. אין 1915 פּובליקירט לעאָן עלבע אין ניו־יאָרק דאָס ערשטע אַמעריקאַנער לערנביכל. פֿון דעמאָלט אָן איז ניו־יאָרק, מיט כמעט[15] הונדערט טיטלען, איינער פֿון די וויכטיקסטע צענטערס פֿון ייִדישע לערנביכער. פֿאַרשיידענע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך באַטייליקט אין דער ייִדישער בילדונג און האָבן געוואָלט משפּיע זײַן[16] אויף דער דערציִונג פֿון די יונגע דורות[17]. נאָכן חורבן דערשײַנען אויף דער מאַפּע פֿונעם ייִדישן לערנבוך נײַע ערטער, בפֿרט[18] שטעט אין מערבֿ[19]־אייראָפּע : פּאַריז, בריסל, שטוטגאַרט. ביז 1968 פּובליקירט מען אין פּוילן נאָך נײַנצן ייִדיש־לערנביכער, כאָטש ס׳רובֿ[20] פֿון די ייִדישע קינדער רעדן שוין ניט קיין ייִדיש, אָדער זייער ווייניק.

### אין בוענאָס־אײַרעס

די ערשטע וועלטלעכע שולן אין בוענאָס־אײַרעס מיט ייִדיש ווי אַ לימודים־שפּראַך[21] זענען געגרינדעט געוואָרן אין די 1920ער יאָרן. שוין מיט צען יאָר שפּעטער עקסיסטירט אין דער אַרגענטינער הויפּטשטאָט אַ גרויסע נעץ[22] ייִדישע שולן, אויפֿגעבויט און אָנגעפֿירט פֿון קאָמוניסטן, בונדיסטן אָדער לינקע ציוניסטן[23]. צוליב אָט דער גרויסער נעץ פֿון פֿאַרשיידענע אינסטיטוציעס איז אַרגענטינע געוואָרן איינער פֿון די סאַמע וויכטיקסטע צענטערס פֿון דער ייִדישער בילדונג. ס׳איז קלאָר, אַז די שולן דאַרפֿן לערנביכער און אַנדערע לערן־מאַטעריאַלן. אין אָנהייב האָט מען זיך באַניצט מיט די ביכער פֿון אייראָפּע. באַזונדערש די בונדישע אינסטיטוציעס האָבן געלערנט מיט צישאָ[24]־ביכער, וואָס זענען אַרויס אין וואַרשע צי ווילנע. אויך פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָט מען אימפּאָרטירט לערנביכער און קינדער־זשורנאַלן. דערנאָך האָבן די לערער געוואָלט האָבן אייגענע מאַטעריאַלן, בעסער צוגעפּאַסטע צו די דרום־אַמעריקאַנער באַדינגונגען[25]. די טאָגטעגלעכקייט איז דאָך אַן אַנדערע : מען פּראַוועט פּסח אָסיען־צײַט[26], און אַזוי ווײַטער[27].

### דער אַרגענטינער קנייטש[28]

דער אַרגענטינער בונד און זײַן אידעאָלאָגיע פֿון „דאָיִקייט“[29] האָט שטאַרק משפּיע געווען אויפֿן אינהאַלט פֿון די לערנביכער, בפֿרט אין שײַכות[30] מיטן וווינאָרט. אין די צפֿון[31]־אַמעריקאַנער ביכער געפֿינען מיר קוים אַ באַשרײַבונג פֿון ניו־יאָרק. אָבער אין די אַרגענטינער ביכער זענען יאָ פֿאַראַן אַזעלכע באַשרײַבונגען – ווי מען פֿאָרט מיט אַ שיף אויפֿן ריִאָ דע לאַ פּלאַטאַ אָדער ווי מען פֿאָרט אויף וויזיט צו קרובֿים[32] אין מאָזעסוויל[33]. בײַ י. ראָזע און ב. העלער אין דעם אַלף־בית[34] *ערשטע בלעטלעך* (1936) הייסט עס : *„איך וווין אין ווישאַ קרעספּאָ, קאָריענטעס. דורך דער גאַס קאָריענטעס פֿאָרן טראַמווײַען, אָמניבוסן, קאָלעקטיוועס און די אונטער־ערדישע באַן לאַקראָסע*[35]*...“.*

1. chercheuse/researcher (fem.)/חוקרת 2. Munich 3. Villa Crespo (quartier de/area of Buenos Aires), rue/street Corrientes/וילה קרספו (רובע בבואנוס איירס), רחוב קוריאנטס 4. affiches/posters/כרזות 5. œuvres choisies de la littérature yiddish (en 100 volumes)/selected works of Yiddish literature (100 volumes)/מבחר כתבים מספרות יידיש (במאה כרכים) 6. DOREM sud/south 7. … EREKh environ/about/בערך 8. éditions/מהדורות 9. laïques/secular/חילונים 10. MIZREKh est/east 11. peu nombreux/few/בודדים 12. Union soviétique/Soviet Union/ברית־המועצות 13. essor/flourishing/פריחה 14. KhURBM Shoah/שואה 15. KIMA'T presque/nearly 16. MASHPIE … influencer/influence/להשפיע 17. DOYRES générations, *sing.* דור DOR 18. BIFRA'T en particulier/in particular 19. MAYREV ouest/west 20. S'ROV la plupart/most/רוב 21. langue d'étude/teaching language/שפת הוראה 22. réseau/network/רשת 23. TSIENISTN sionistes/zionists/ציונים 24. TSIShO CYSZO צענטראַלע ייִדישע שול־אָרגאַניזאַציע 25. conditions/תנאים 26. … PEYSEKh … on fête la Pâque en automne/Passover is celebrated in autumn/חג הפסח נחוג בסתיו 27. און אַזוי ווײַטער 28. nuance/touch/גוון 29. concept bundiste de l'autonomie socio-culturelle juive en diaspora/Bundist concept of socio-cultural autonomy in the Diaspora/רעיון בונדיסטי הנוגע לעצמאות תרבותית־חברתית של יהודי הגולה 30. ShAYKhES par rapport à/in relation with/בקשר ל 31. TSOFN nord/north 32. KROYVIM parents/relatives 33. Moisés Ville (ville et colonie agricole juive)/Jewish colony/עיירה והתיישבות יהודית חקלאית 34. ALEF-BEYS alphabet 35. Lacroze, une station du métro de Buenos Aires/a subway station in Buenos Aires/תחנת רכבת תחתית בבואנוס איירס

און נאָך אַ מעשׂהלע[36] אַן אַנטיקל[37] : געוויינטלעך זענען די ערשטע ווערטער אין אַן אַלף־בית „מאַמע“ און „טאַטע“, אָבער דאָ הייסט עס : „מאַמע“ און „מאַטע[38]“, אַזוי ווי דאָס פּאָפּולערע געטראַנק פֿון אַרגענטינע.

## צוויי מחברים[39]

מען זאָגט, אַז די ייִדן פֿון מיזרח־אייראָפּע זענען געקומען קיין אַרגענטינע אין דרײַ גרויסע כוואַליעס[40] : 1914–1898, 1933–1918 און 1945–1933. פֿאַר דער בילדונג אויף ייִדיש איז באַזונדער אינטערעסאַנט די צווייטע כוואַליע מיט אַן ערך 6500 מענטשן אַ יאָר. צווישן זיי זענען געווען אַ סך, וואָס האָבן געזען דעם אויפֿקום פֿון דער ייִדישער וועלטלעכער בילדונג און דער מאָדערנער פּעדאַגאָגיק אין פּוילן און ליטע, ווי אויך אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. איינער פֿון זיי איז געווען זלמן[41] וואַסערצוג (1993–1904), וואָס פֿאַרלאָזט וואַרשע אין 1927. ער האָט שוין צונויפֿגעקליבן אַ היפּש ביסל פּעדאַגאָגישע דערפֿאַרונגען : ער האָט געאַרבעט ווי אַ געהילף־דערציִער אין יאַנוש קאָרטשאַקס[42] באַוווּסטן וואַרשעווער יתומים־הויז[43] און ווי אַ לערער אין קאָרטשאַקס עקספּערימענטאַלער שול. אין יענער צײַט קומט אויך אין אַרגענטינע אַבֿיגדור[44] שפּריצער (1952–1898), אַ גאַליציאַנער מחבר, וואָס האָט ליב צו שרײַבן מעשׂהלעך פֿאַר קינדער. וואַסערצוג און שפּריצער פּובליקירן ביידע אין דער *ייִדישער צײַטונג* אין בוענאָס־אײַרעס. שפּריצער איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר די קינדער־זײַטן פֿון אָט דער צײַטונג. 1936 קומט אַרויס זייער לערנביכל *נײַע קוואַלן : אַ כרעסטאָמאַטיע[45] פֿאַרן צווייטן לערניאָר*, וואָס איך וויל אײַך פֿאָרשטעלן, ווײַל ס'איז אַן איינציקס אין זײַן מין. פֿאַר וואָס ? קוקט מען אַרײַן אין אָט דעם ביכל, באַמערקט מען באַלד דעם אונטערשייד מיט די אַנדערע לערנביכער. לאָמיך אַרויסנעמען נאָר איין בײַשפּיל : די טעמע פֿון עמיגראַציע. כאָטש אַ גרויסער טייל פֿון די ייִדיש־רעדערס, וואָס האָבן אין די 1930ער יאָרן געלעבט אין צפֿון־ און דרום־אַמעריקע, האָבן אַליין איבערגעלעבט דאָס פֿאַרלאָזן אַ היים־שטעטל און די וואָגלענישן[46] אין דער פֿרעמד, האָט די טעמע כמעט ניט געהאַט קיין אָרט אין די קינדער־ביכער. ווי מען וואָלט געמיינט, אַז ס'אַרט ניט די קינדער. אָבער אין דעם לערנביכל זענען פֿאַראַן עטלעכע מעשׂהלעך, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט דער טעמע. די ערשטע דערציילט פֿון אַ ייִנגל וואָס מאָלט בשעת[47] דער לעקציע „[...] די שיף, מיט וועלכער ר'איז געקומען צו פֿאָרן פֿון פּוילן“. די לערערקע פֿרעגט בײַ אים, וואָס איז דאָס שוואַרצע קליינינטשקע פּינטל אויף דער שיף. דערקלערט דאָס קינד, אַז דאָס איז ער אַליין, ווי ער איז געשטאַנען אויף דער שיף, געפֿאָרן און געקוקט. פֿון די קינדהייט־זכרונות[48] ווייסן מיר, אַז פֿאַר אַ סך פֿון זיי איז די עמיגראַציע ניט געווען קיין פֿריילעכע עקסקורסיע נאָר אַ שרעקלעך איבערלעבעניש, און אַז זיי האָבן זיך געפֿילט עלנט און פֿאַרלאָזט ווי אַ קליין, שוואַרץ פּינטעלע.

## איך קום פֿון פּוילן

די צווייטע מעשׂה, וואָס איך וויל דערמאָנען איז אַ פֿריילעכערע. אויך זי איז אַן אויסנאַם : זי פֿאַרנעמט זיך מיט דער פֿראַגע, פֿון וואַנען מען שטאַמט. געוויינטלעך שפּילט „די אַלטע היים“ קוים אַ ראָלע אין די ייִדישע לערנביכער. אויב מען דערמאָנט זי יאָ, איז דאָס אין ס'רובֿ פֿאַלן פֿאַרבונדן מיטן חדר[49], אָרעמקייט און טרויעריקן גלות[50]. אין דעם מעשׂהלע „די נײַע לערערקע“ קענען מיר לייענען אַ פּרעכטיקן דיאַלאָג, וואָס העלפֿט אונדז אפֿשר זיך פֿאָרצושטעלן אַ קינדער־לעבן אין די 1930ער יאָרן אין בוענאָס־אײַרעס :




*„דער פֿאַרוואַלטער[51] פֿון דער שול האָט זיך אַנידערגעשטעלט באַם טיש און געזאָגט :*

*– דאָס איז די נײַע לערערקע, זי קען אַ סך מעשׂהלעך דערציילן, לידלעך זינגען און זייער שיינע שפּילן.*

*די לערערקע האָט געשמייכלט. זי זעט אויס צו זײַן אַ גוטע, זי איז אַ שיינע און אַ פֿריילעכע.*

*– קינדער, האָט זי צו אונדז געזאָגט – איך הייס חנה (כאַנע) אַבראַמאָוויטש. [...] דערנאָכדעם האָט זי יעדן איינעם צוגערופֿן צום טאָוול, ער זאָל אויפֿשרײַבן זײַן נאָמען. בערל האָט אויפֿגעשריבן זײַן נאָמען מיט אַ גרײַז. האָט אים די לערערקע געפֿרעגט, ווי אַלט ער איז, האָט בערל איר געענטפֿערט אויף שפּאַניש.*

*– זאָג מיר אויף ייִדיש, בערל. איך פֿאַרשטיי נישט קיין שפּאַניש. [...] זי האָט דערציילט, אַז ערשט נישט לאַנג[52] איז זי געקומען צו פֿאָרן. פֿון פּוילן קומט זי. עטעלע האָט זיך אויפֿגעשטעלט און געפֿרעגט :*

*– לערערקע, האָט איר געזען דאָרט מײַן באָבען ?*

*– סע קען זײַן – האָט די לערערקע געשמייכלט.*

*– און מײַן באָבע וווינט אין רומעניע – האָט זיך אָנגערופֿן יאַנקעלע.*

*– איך האָב אַ זיידן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.*

*– מיר קומען פֿון גאַליציע.*

*– און דו ? – האָט די לערערקע געפֿרעגט בערלען.*

*– מיר קומען פֿון ענטרע ריִאָס, האָט ער געענטפֿערט.*

*די קינדער האָבן זיך צעלאַכט“.*



36. MA'YSELE petite histoire/little story/סיפור קצר 37. adorable/מקסים 38. maté 39. MEKhABRIM auteurs/authors 40. vagues/waves/גלים 41. ZALMEN 42. de/of/של Janusz Korczak 43. YESOYMIM-... orphelinat/orphanage 44. AVIGDOR 45. anthologie/anthology/קובץ 46. errance/wandering/נדודים 47. BESHA's pendant/during 48. ZIKhROYNES souvenirs/memories 49. KHEYDER école religieuse traditionnelle/traditional religious school 50. GOLES exil/exile 51. administrateur/administrator/מנהל 52. tout récemment/just recently/רק לאחרונה.







# פֿליִען

נישט נאָר אַוויאָנען **פֿליִען** (זעט גלאָסאַר ז׳ 8). אויך **פֿייגל** פֿליִען. **פֿליגן**[1] און **פֿלאַטערלעך**[2] פֿליִען אויכעט. (ניט פֿאַרמישן מיט פֿליי[3] וואָס פֿליִען ניט – נאָך אַ מזל[4] – נאָר שפּרינגען). אַלץ וואָס פֿליט האָט **פֿליגל**[5]. די **באַפֿליגלטע** באַשעפֿענישן[6] פֿליִען און **פֿלאַטערן**[7] און **פֿאָכען**[8] **מיט די פֿליגל**... איר האָט פֿאַרשטאַנען אַז פֿון אַ לינגוויסטישן קוקווינקל[9] איז דער קלאַנג „פֿל“ אין ייִדיש ענג פֿאַרבונדן מיט אַזאַ פֿליִענדיקער באַוועגונג. דער ווערב איז **פֿליִען** (די פֿאַרגאַנגענע צײַט : **איז געפֿלויגן**), מיט אַלע וואַריאַנטן ווי **אַרויפֿ**־ און **אַראָפּפֿליִען**, **אַרומ**־, **אַוועק**־ און **אַדורכפֿליִען**, אָדער גאָר **צעפֿליִען זיך**[10], ווי די פֿייגל פֿון איציק מאַנגערס בוים, וואָס „זענען זיך צעפֿלויגן“. אַ מעשׂה[11] וואָס איז **נישט געשטויגן נישט געפֿלויגן** איז אין גאַנצן משוגע[12] און אומגלייבלעך.



דאָס פֿליִען האָט פֿון אייביק אָן אויפֿגעוועקט די מענטשלעכע פֿאַנטאַזיע, פֿון דער אַלט־גריכישער לעגענדע פֿון איקאַרוס וואָס איז מיט זײַנע **פֿויגלשע** פֿליגל אַרויפֿגעפֿלויגן צו נאָענט צו דער זון, ביז די קאָסמאָסשיפֿן פֿון דער וויסנשאַפֿטלעכער פֿאַנטאַסטיק[13] וואָס פֿליִען דורך דעם אוניווערס.

דאָס וואָרט פֿליִען אַליין גיט אונדז עטלעכע אויסדרוקן : אַ שפּילעכל וואָס הייבט זיך אויף אין דער לופֿטן, צוגעבונדן צו אַ לאַנגער שטריק איז אַ **פֿלישלאַנג**[14]. אַ באַזונדער בלעטל פּאַפּיר מיט עפּעס אַ מעלדונג[15] (אין אַ צײַט פֿון וואַלן קריגט מען זיי אויף יעדן ראָג גאַס[16] !) הייסט אַ **פֿליבלעטל**[17]. **אין פֿלוג**[18] מיינט אויפֿן ערשטן בליק, פֿונעם ערשטן אײַנדרוק. און ווען מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו זען (אָדער געמיינט אַז זיי זעען) קײַלעכדיקע קאָסמאָסשיפֿן געקומענע פֿון אַנדערע פּלאַנעטן, האָט מען דער זאַך אַ נאָמען געגעבן אַ **פֿלי־טעלערל**[19].



אַ באַשעפֿעניש וואָס האָט **פֿעדערן**[20] און לייגט אייער איז אַ **פֿויגל** (מערצאָל **פֿייגל**). אַ ליטוואַק זאָגט איין [פֿייגל] און צוויי [פֿייגל], נאָר דאָס איז שוין אַן אַנדער פּראָבלעם. דאָס וואָרט פֿויגל איז אַן אָפֿטער מעטאַפֿאָר פֿאַר אַ מענטשלעכן כאַראַקטער : **אַ פֿרײַער פֿויגל**[21]... **אַ גראָבער פֿויגל**[22]... און **יענער פֿויגל**[23]. **ניט פֿויגלדיק**[24] (שטענדיק מיטן נעגאַטיוו) מיינט נישט אַזוי גוט, נישט אַזוי אײַ־אײַ־אײַ. אַ **פֿויגלבליק**[25] איז אַן אַרומנעמיקער בליק אויף אַ לאַנדשאַפֿט אָדער אַ טעמע. גיין מיטן **פֿויגלוועג**[26] מיינט גיין מיטן דירעקטסטן וועג פֿון איין אָרט אין אַ צווייטן. דער שענסטער פֿון אַלע אויסדריקן איז **פֿויגלמילך**[27].





אַ פֿויגל, ווי אַלע ווייסן, גיט נישט קיין מילך. איז פֿויגלמילך אַ סינאָנים פֿאַר אַ זעלטענער, טײַערער זאַך, וועגן וועלכער מע קען חלומען[28]. **ער האָט פֿון פֿויגלמילך** מיינט : ער לעבט מיטן שענסטן און בעסטן.

אַ סך לענדער האָבן אַ פֿויגל ווי זייער נאַציאָנאַלער סימבאָל. אָפֿט מאָל איז עס אַן **אָדלער**[29], אָבער געוויסע לענדער האָבן גענומען אַנדערע פֿייגל. פֿראַנקרײַך, צום בײַשפּיל, האָט אַ **האָן**[30], אינדיע אַ **פּאַווע**[31] (און ניט קיין **אינדיק**[32]), עטלעכע לענדער פֿון לאַטײַן־אַמעריקע האָבן אַ **קאָנדאָר**, אויסטראַליע און ניו־זעלאַנד האָבן פֿייגל וואָס קענען ניט פֿליִען : אַן **עמו** און אַ **קיווי**, און איין לאַנד, דער אינדזל מאַוריציוס, האָט זיך גאָר אויסגעקליבן אַן אויסגעשטאָרבענעם[33] פֿויגל וואָס הייסט **דאָדאָ** (אין דײַטשלאַנד איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געווען אַ „דאָדאָ־פֿאַרלאַג“[34] וואָס האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע איבערזעצונגען פֿון ייִדיש, נאָר ער איז, דאַכט זיך, אויך אונטערגעגאַנגען).

פֿייגל האָבן אינספּירירט פּאָעטן. אין ביאַליקס ליד **„אל הציפּור“**[35] סימבאָליזירט דער פֿויגל די בענקשאַפֿט נאָך ציון[36]. אין **„דער ראָב“**[37], פֿונעם אַמעריקאַנער פּאָעט עדגאַר אַלען פּאָ, איז דער שוואַרצער פֿויגל אַ סימבאָל פֿון אַ פֿאַרלאָרענער ליבע. און בײַ באָדלער איז דער **אַלבאַטראָס** דער סימבאָל פֿונעם פּאָעט. מענטשן קענען אויך מורא האָבן[38] פֿאַר פֿייגל, (דאָס רופֿט מען **אָרניטאָפֿאָביע**) ווי ס׳ווערט געשילדערט[39] אין אַלפֿרעד היטשקאָקס פֿילם **די פֿייגל**.



אַחוץ[40] פֿייגל זענען דאָ אינסעקטן וואָס פֿליִען. דער באַקאַנטסטער איז די **פֿליג**. די פֿליג זשומעט[41], בײַסט, און טראָגט אַרום מיקראָבן. וועגן אַ ווילן, מילדן מענטש זאָגט מען **ער וועט נישט טשעפּען קיין פֿליג אויף דער וואַנט**[42]. אַ מענטש וואָס נעמט אַ קליינעם פּראָבלעם און מאַכט אים ערגער **מאַכט פֿון אַ פֿליג אַ העלפֿאַנד**[43]. אַ שיין חיהלע[44] וואָס פֿלאַטערט פֿרײַ און פֿריילעך צווישן בלומען האָט עטלעכע נעמען : **פֿלאַטערל**, **שמעטערלינג**, **באַבאָטשקע** אָדער **זומער־פֿייגעלע**[45]. איינס וואָס טראָגט זייער אַ פּאַסיקן נאָמען איז די **ליבעלע**[46]. און נאָך אַ קליין זשוקעלע[47] וואָס קינדער האָבן ליב איז דאָס **משה־רבנוס קיִעלע**[48]. ס׳איז דאָ אויך אַ זויג־חיה[49] וואָס פֿליט – אַ **פֿלעדערמויז**[50].

עס זײַנען נאָך דאָ אַ סך אַנדערע פֿליִענדיקע באַשעפֿענישן וואָס מיר וועלן דאָ ניט דערמאָנען : מוקן[51], מאָסקיטן[52] און מילבן[53], ווײַל דאָס איז שוין אַ טעמע אויף אַ „מ“־מעשׂה...



1. mouches/flies/זבובים 2. papillons/butterflies/פרפרים 3. puces/fleas/פשפשים, *sing.* פֿלוי 4. ... MAZL une chance!/lucky 5. ailes/wings/כנפיים 6. créatures ailées/winged creatures/יצורים מכונפים 7. volètent/flutter/מרפרפים 8. agitent/flap/מנפנפים 9. point de vue/point of view/נקודת מבט 10. s'envoler/fly away/להתעופף 11. MAYSE histoire/story 12. MESHUGE fou/crazy 13. science fiction/מדע בדיוני 14. cerf-volant/kite/עפיפון 15. annonce/announcement/מודעה 16. coin de rue/street corner/פינת רחוב 17. tract/flyer/עלון פרסומי 18. à première vue/at first glance/במבט ראשון 19. soucoupe volante/flying saucer/צלחת מעופפת 20. plumes/feathers/נוצות 21. une personne libre/a free spirit/אדם חופשי ברוחו 22. lourdaud/coarse person/אדם גס 23. drôle d'oiseau/queer bird/ציפור משונה 24. pas fameux/not so hot/לא משהו 25. vue générale/bird's eye view/מבט ממעוף ציפור 26. à vol d'oiseau/as the crow flies/בקו אווירי 27. chose rare ou introuvable/something rare or unobtainable/דבר נדיר או שלא בנמצא 28. KHO'LEMEN rêver/dream/לחלום 29. aigle/eagle/נשר 30. coq/rooster/תרנגול 31. paon/peacock/טווס 32. dinde/turkey/תרנגול הודו 33. disparu/extinct/נכחד 34. maison d'édition/publishing house/בית הוצאה לאור 35. EL HATSIPOR À l'oiseau/To the Bird 36. ... TSIEN amour de Sion/yearning for Zion/געגועים לציון 37. "Le Corbeau"/"The Raven"/"העורב" 38. MOYRE ... avoir peur/be afraid/לפחד 39. dépeint/depicted/מוצג 40. AKHU'TS à part/aside from/מלבד 41. bourdonne/buzzes/מזמזם 42. ne ferait pas de mal à une mouche/wouldn't hurt a fly/לא יהרוג זבוב 43. en fait une montagne/make a mountain out of a molehill/עושה מהומה רבה על לא דבר 44. KHA'YELE créature/יצור 45. papillon/butterfly/פרפר 46. libellule/dragonfly/שפירית 47. bestiole/bug/חרק 48. MOYSHE-RABEYNES ... coccinelle/ladybug/פרת משה־רבינו 49. ...-KHAYE mammifère/mammal/יונק 50. chauve-souris/bat/עטלף 51. moucherons, moustiques/gnats, mosquitos/ברחשים, יתושים 52. moustiques/mosquitos/יתושים 53. mites/moths/עש.




# דניאל קאַהן[1] און דער באַמאָלטער פֿויגל[2]

## פֿון דניאל קענעדי

„דער באַמאָלטער פֿויגל“ איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע כּלי־זמר[3] קאַפּעליע[4], געגרינדעט דורך דעם אַמעריקאַנער זינגער דניאל קאַהן. זי נעמט אַרום אַ פֿאַרשידנאַרטיקע חבֿרה[5] וואָס איז שווער צו קאַטעגאָריזירן – מע וואָלט אפֿשר[6] געדאַרפֿט אויסטראַכטן אַ נײַעם זשאַנער[7] ? דער נאָמען „באַמאָלטער פֿויגל“ איז אַ ווונק[8] אויפֿן ראָמאַן פֿונעם ייִדיש־אַמעריקאַנער שרײַבער יעזשי קאָשינסקי[9], אַן אָפּשטאַמיקן[10] פֿון פּוילן. די מוזיקערס קומען פֿון אַמעריקע (ווי דער באַסיסט מיכאל טאָטל[11] , דער פֿידלער דזשייק שולמאַן־מענט[12] און דער טראָמבאָניסט דאַן בלאַקסבערג[13]), פֿון שוועדן (האַמפּוס מעלין[14] וואָס שפּילט אויפֿן פּויק) צי פֿון פֿראַנקרײַך (דער קלאַרנעטיסט שמואל מאַקען[15]). דאָס איז אָבער בייגעוודיק[16] און זיי שפּילן אָפֿט מיט אַנדערע מוזיקאַנטן ווי מײַקל אַלפּערט[17] צי פּסוי קאָראָליענקאָ[18].

שטאַמען שטאַמט דניאל קאַהן פֿון דעטרויט און זײַן קינסטלערישער הינטערגרונט[19] איז קודם־כּל[20] אַ טעאַטראַלישער, וואָס האָט אַ השפּעה[21] אויף זײַנע אויפֿטריטן מיטן באַמאָלטן פֿויגל. אַ מאָל טראָגן זיי מאַסקעס פֿון ווילדע חיות[22], אַ מאָל שרײַט ער אויס די ווערטער דורך אַ מעגאַפֿאָן, און ווען ער טוט ביידע מיט אַ מאָל מאַכט ער באמת[23] אַ שטאַרקן אײַנדרוק. אויך צוליב טעאַטער האָט ער זיך איבערגעצויגן קיין בערלין אין 2005.

ער איז געווען שטאַרק פֿאַראינטערעסירט אין דער ווײַמאַרער תּקופֿה[24] פֿון דײַטשישן טעאַטער, דער עיקר[25] אין די ווערק פֿון בערטאָלט ברעכט און קורט טוכאָלסקי, וועמענס לידער ער שפּילט אויך מיטן „באַמאָלטן פֿויגל“. אָבער קאַהן איז אויכעט אַ שטיקל פּאָעט. ער זינגט אין עטלעכע שפּראַכן און האָט אַ טאַלאַנט פֿאַר איבערזעצונג. אָפֿט מאָל זינגט ער אַ טראַדיציאָנעל ייִדיש ליד צוזאַמען מיט זײַן איבערזעצונג אויף אַ געשמאַקן אידיאָמאַטישן ענגליש כּדי[26] דער עולם[27] זאָל פֿאַרשטיין דעם אינהאַלט. נישט נאָר די ווערטער זעצט ער איבער, נאָר ער פֿאַרוואַנדלט[28] אויך דעם סטיל פֿון דער מוזיק, ביז ס'איז שווער צו הערן דעם אונטערשייד צווישן אַ מאַרק וואַרשאַווסקי מיט אַ באַב דילען אָדער צווישן אַן איציק מאַנגער מיט אַ שיין מעגאַוען[29].

אַזוי אַרום פֿילט מען אויך דאָס שײַכות[30] צו דער הײַנטצײַטיקער פּאָליטיק וואָס שטעקט אין די אַלטע לידער. אַ ליד ווי „אַרבעטסלאָזע־מאַרש“ פֿון מרדכי געבירטיג[31] דערמאָנט די פֿאַרשיידענע מאַניפֿעסטאַציעס וואָס מע זעט הײַנט צו טאָג אין אַמעריקע. הערנדיק זייער ווערסיע פֿון דוד עדעלשטאַדטס[32] „אין קאַמף“ קען מען טראַכטן וועגן דעם מצבֿ[33] אין מצרים[34] אָדער אין סיריע. וועגן אָט דעם ליד זאָגט קאַהן : „דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן אין 1880 דורך אַ ייִדן, אָבער עס האָט אַ שײַכות מיט אונדז אַלעמען אין די הײַנטיקע צײַטן“. ס'איז נישטאָ קיין אָרט בײַם „באַמאָלטן פֿויגל“ פֿאַר שמאַלציקער סענטימענטאַליטעט[35], זייער צוגאַנג צום ייִדישן געזאַנג האָט גאָרנישט צו טאָן מיט נאָסטאַלגיע אָדער בענקשאַפֿט נאָך דער פֿאַרגאַנגענהייט. זייערע לידער זענען פֿריש און מאָדערן, אָנגעזאַפּט[36] מיט שטעכיקייט, ענערגיע, גאַל און הומאָר. מיט זײַן לעצטן קאָמפּאַקטל[37] האָט דניאל קאַהן דערגרייכט אַ געוויסע רײַפֿקייט[38] און דערפֿאַרונג אָבער פֿונדעסטוועגן פֿילט מען אַז דאָס איז בלויז אַן אָנהייב. מיר מעגן אַרויסקוקן אומגעדולדיק אויף זײַנע קומעדיקע פּראָיעקטן.

1. Daniel Kahn 2. L'Oiseau bariolé/Painted Bird/הציפור הצבועה 3. KLEZMER 4. ensemble/group/להקה 5. … KHEVRE groupe hétérogène/varied group/קבוצה מגוונת 6. EFSHER peut-être/perhaps/אולי 7. genre 8. clin d'œil/wink/רמז 9. Jerzy Kosinski (1933-1991) 10. originaire/coming from/מוצאו 11. MIKHOEL Michael Tuttle 12. Jake Shulman-Ment 13. Daniel Blacksberg 14. Hampus Melin 15. Samuel Maquin 16. flexible/גמיש 17. Michael Alpert 18. Psoy Korolenko 19. formation artistique/artistic background/רקע אומנותי 20. KOYDEM-KOL tout d'abord/first of all 21. HASHPOE influence 22. KHAYES animaux/animals 23. BEEMES vraiment/really 24. TKUFE période/period 25. … IKER surtout/mainly/בעיקר 26. KEDE'Y pour que/so that 27. OYLEM public/קהל 28. transforme/transforms/משנה 29. Shane McGowen 30. SHAYKHES rapport/connection/קשר 31. MORDKHE Gebirtig 32. de/by/מאת DOVID Edelshtat 33. MATSEV situation 34. MITSRAIM Égypte/Egypt 35. sentimentalisme bon marché/"shmaltz"/רגשנות מתקתקה 36. imprégnés/permeated/ספוגים 37. CD/תקליטור 38. maturité/ripeness/בשלות.

[סוף פֿון זײַט 3]

דע לאַ פּלאַטאַ“, אָבער דאָס איז ברייט ווי אַ ים און האָט כוואַליעס ווי אַ ים. נאָר זײַן קאָליר איז אַ מין שאָקאָלאַד ברוין, ס׳מאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק).

ערשטער אָפּשטעל : אַ קליין שטעטעלע מיטן נאָמען קאָלאָניאַ, טאַקע אַן אַלטע פּאָרטוגעזישע קאָלאָניע פֿון 17טן יאָרהונדערט, שיין, רויִק, אויטענטיש, און לעצטנס אָנערקענט פֿון יונעסקאָ ווי וועלט־ירושה[49]. צוויי טעג אָפּרו, זייער אײַנגענעם, און דעם 31סטן דעצעמבער פֿאָרן מיר קיין מאָנטעווידעאָ. מען האָט געמיינט ס׳איז בעסער צו פֿאַרברענגען נײַיאָר אין אַ גרויסער שטאָט. קיינער האָט אונדז אָבער ניט געזאָגט אַז מאָנטעווידעאָ, כאָטש זי איז די הויפּטשטאָט פֿון אורוגווײַ, איז אין דער אמתן אַ פּראָווינץ־שטאָט. ווען מיר קומען אָן איז די גאַנצע שטאָט „סעראַדאָ“[50] – פֿאַרמאַכט, פֿאַרשלאָסן, טויט ! נאָר עטלעכע שיכּורים[51] בלאָנדזשען אַרום אין די גאַסן, שוין גרייט אויף נײַיאָר, און שרײַענדיקע קינדער וואַרפֿן קנאַקפֿײַערלעך[52] איינער אויפֿן אַנדערן. מיר עסן וועטשערע אין האָטעל (דאָס עסן האָבן מיר אײַנגעקויפֿט אין „גאָנזאַליטאָס סופּערמאַרק“) און מיר פֿאַרברענגען נײַיאָר קוקנדיק אויף די פֿײַערווערק[53] פֿונעם דאַך פֿון האָטעל. די אַנדערע געסט, אַ פּאָרפֿאָלק פֿון אויסטראַליע און אַ גאַנצע כאָפּטע יונגע בראַזיליאַנער, זײַנען גאָר סימפּאַטיש. מע טרינקט ווײַן און מע ווינטשט זיך אַ גוט יאָר. אויף צו מאָרגן שפּאַצירן מיר אין צענטער שטאָט – נאָך אַלץ „סעראַדאָ“. ווייניק מענטשן – נאָר טוריסטן. שפּעט נאָך מיטאָג געפֿינען מיר איין אײנציקן אָפֿענעם רעסטאָראַן. אַ ריי מענטשן וואַרטן אויף אַ טיש. וואַרטן מיר אויך. נאָכן עסן שפּאַצירן מיר ווײַטער. ביסלעכווײַז הייבט מען אָן צו זען עטלעכע אורוגווײַער צווישן די טוריסטן. ווי דערקענט מען אַן אורוגווײַער ? ער טראָגט זיך אַרום מיט זײַן „מאַטע“[54] (דאָס נאַציאָנאַלע געטראַנק, אַ מין ביטערער „טיי“ געמאַכט פֿון די בלעטער פֿון אַ געוויסער פֿלאַנץ) אין איין האַנט און אַ טערמאָס הייס וואַסער אין דער צווייטער האַנט. די טוריסטן טראָגן זיך אַרום מיט פֿלעשלעך וואַסער. די אַרגענטינער טרינקען אויך „מאַטע“ נאָר מע זעט עס ניט אַזוי אויף דער גאַס, אויף יעדן שריט און טריט[55].

מיר הייבן אָן צו זען נאָך אַ מאָדנע זאַך : אַ סך מענטשן (דער עיקר יונגע מענער) מיט באַנדאַזשירטע הענט. ריינע ווײַסע באַנדאַזשן, אַ פּנים[56] נאָר וואָס צוגעלייגטע. מיר האָבן דאָס שוין באַמערקט אין בוענאָס־אײַרעס ניטל[57]־צײַט. מיר דערוויסן זיך אַז דאָס זײַנען אַקצידענטן פֿונעם שפּילן זיך מיט די קנאַקפֿײַערלעך. עס פּאַסירט, זעט אויס, אַלע יאָר צו דער צײַט. די צײַטונגען גיבן אָן סטאַטיסטיקעס...


פֿאָטאָס : זשוליעט מאָנעט

מיר פֿאָרן אַוועק פֿון מאָנטעווידעאָ מיט אַ געפֿיל אַז ס׳וואָלט געקענט זײַן אַ שיינע שטאָט, נאָר צום באַדויערן, וועלן מיר עס קיין מאָל נישט וויסן.

צי שטעקט דאָ עפּעס אַ מוסר־השׂכּל[58] ? אפֿשר[59] אַז אַנטלויפֿן פֿון ווינטער איז ניט אַזוי שווער. מע דאַרף נאָר פֿאָרן געגנוג ווײַט. נאָר אַנטלויפֿן פֿון די ניטל־ און נײַיאָר־פֿײַערונגען איז אַ סך שווערער : זיי לאָזן זיך נישט אַזוי גרינג פֿאַרגעסן !

49. ...YERUSHE patrimoine mondial de l'UNESCO/UNESCO World Heritage/מורשת עולמית של אונסקו 50. *cerrado* (esp./Span.), fermé/closed/(ספרדית) סגור 51. SHIKURIM ivrognes/drunks 52. pétards/firecrackers/חזיזים 53. feux d’artifice/fireworks/זיקוקי די נור 54. maté 55. à chaque pas/at every step/על כל צעד ושעל 56. A PONEM apparemment/apparently/כפי הנראה 57. Noël/Christmas/חג המולד 58. MUSER-HASKL morale/moral 59. EFSHER peut-être/perhaps/יתכן.

## אַוויאָן־גלאָסאַר

| | |
|---|---|
| avion/airplane/מטוס | דער אַוויאָן (ען)/דער אַעראָפּלאַן (ען) |
| vol/flight/טיסה | דער פֿלי (ען) |
| aéroport/airport/שדה־תעופה | דער פֿליפּלאַץ (פֿלי׳פּלעצער)/דער אַעראָפּאָ׳רט (ן) |
| billet/ticket/כרטיס | דער בילע׳ט (ן) |
| aller simple/one-way/לכיוון אחד | דער אַהי׳ן־בילע׳ט (ן) |
| aller-retour/round trip/הלוך־חזור | דער אַהי׳ן־קריק־בילע׳ט (ן) |
| sans escale/non-stop/ללא חניית ביניים | אָן אָפּשטעל (ן) |
| s'envoler/take off/להמריא | אָ׳פּפֿליִען |
| atterrir/land/לנחות | לאַנדן |
| retard/delay/איחור | דער אָפּהאַלט (ן) |
| en retard/late/(ת/)מאחר | פֿאַרשפּעטיקט |
| à l'heure/on time/בזמן | צו דער צײַט |
| pilote/pilot/טייס | דער פּילאָ׳ט (ן) |
| steward/דייל | דער סטואַרד (ן) |
| hotesse de l'air/stewardess/דיילת | די סטואַרדקע (ס) |
| siège/seat/מושב | דאָס זיצאָרט (–ערטער) |
| douane/customs/מכס | דער צאָל |
| sécurité/security/בדיקה ביטחונית | דער זיכערקייט־קאָנטראָל |


# דער ייִדישער
# טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער –
מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט
אַקווילע, יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ,
עוולין, רובי, שרון.



YIDISHER TAMTAM
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
29 rue du Château-d'Eau
75010 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com



מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com
Prix : 2,50 euros פּרײַז : 2,50 אייראָס